11 נוי' 1969 סה

יאנקעוו לוואָווסקי

# דער ניסטער ווי א פערזענלעכקייט

דער אייביק יונגער זאָקן אונדזערער ז. וועגדראָף האָט אין זײַנעם אן ארטיקל קורץ, אָבער זייער טרעפלעך אויסגעדריקט דעם טאַמציס פונעם ניסטער־מעהוס: „דער ניסטער, דער דענקענדיקער, טיף פילנדער קינסטלער פון וואָרט, דער מענטש מיט דער אידעלער נשמה, דער פילזאָגנדיקער שווײַגער, ניסטער איז דער, וועלכער איז קיינמאָל ניט געגאנגען אף דעם מינדסטן קאָמפּראָמיס מיט זײַן געוויסן".

און אזעלכער איז דער ניסטער טאקע געווען. אלע יאָרן אקשאָנעסדיק געגאנגען אף דעם אייגענעם, אליין אויסגעטראָטענעם שווערן לעבנס־ און שאפונגס־וועג.

פאר מײַנע אויגן ליגט שמועל האלקינס א בוך „דער בוים פון לעבן", וואָס ער האָט אין 1948 יאָר אונטערגעטראָגן דעם ניסטער מיט אזא אופשריפט: „טײַערער ניסטער, איך ווינטש אײַך פון טיפן הארצן טראָגן און פארטראָגן די שטאָלצע שווערע לאסט פון עכטקייט, ווארצלט בא אײַך און איז בקע ועולה עד לב השמים".

פילט זיך דען ניט אין יעדער וואָרט דאָ, אין יעדער שורע האלקינס באגײַסטערונג פאר ניסטער־געשטאלט? פילט זיך דען ניט האלקינס גרויסער נעשאָמע־ציטער אין דעם דאָזיקן אופשריפט?

עכטקייט, — ווילט זיך צוגעבן, — איז זייער א טיף, וואָגיק וואָרט, וואָס איז אין זיך קיילט א סאך גוטס. איז דאָס טאקע זייער אָנגעמאָסטן פארן ניסטער־מעהוס.

מיט יאָרן צוריק האָב איך געהאט א שמועס מיט צוויי יידישע שרײַבער — ביידע האָבן זיי שוין ווײַט אָפּגעשיידט פון אונדז — מיט נויעך לוריע און אווראָם וועלעדניצקי — וועגן דעם ניסטער. נויעך לוריע האָט גוט געקענט ניסטערן און איז צענדליקער יאָרן געווען באפרײַנדעט מיט אים. דעריבער האָב איך זיך באזונדערס אײַנגעהערט אין אלץ, וואָס ער האָט גערעדט.

ס'האָט זיך געפילט, אז לוריע וויל איצט, בעשאס דעם דאָזיקן געשפּרעך, וואָס טיפער ארײַנדרינגען אין טאָך פונעם ניסטערס וועזן ווי א מענטש.

צוערשט האָט ער אָנגעוויזן אף דער קאָמפּליצירטקייט און אויסטערלישקייט פון ניסטערס נאטור. לוריע האָט אײַנגעפונען אויך א געוויסע ווידערשפּרעכלעכקייט אין ניסטערס כאראקטער, אפילע אין זײַן אויסערלעכן אויסזען.

— ניסטערס סוטולעקייט אף דער עלטער, — גיט צו לוריע, — איז געווען א מין זכר פון אמאָליקע נאציאָנאלע דײַגעס. ניסטערס פארזשמורעטע אויגן, זײַן שארפער שנײַדנדיקער בליק — דאָס איז שוין עפּעס א דאָסטאָיעווסקי־בליק. דאָס מויל א ציגײַנערישס, פון ציגײַנערישער ברען און שווונג... — ניסטער איז געווען, — האָט לוריע פאָרגעזעצט, — א מענטש מיט א הייסן טעמפּעראמענט און מיט שארפע לײַדנשאפטן. און דאָך האָט זיך געפילט בא אים א שטארקע נייגונג צו נעזירישקײַט, צו אסקעטיזם...

אוןווירקלעך, ווער ס'האָט נאָענט געקענט ניסטערן, דער האָט געוווסט: א מענטש מיט הייס, קאָכיק בלוט, און דאָך איז ער שטרענג אײַנגעהאלטן געווען אין זײַן גאנצער אופירונג; ער האָט ווי זיך אליין געצוימט און אײַנגעשטילט אין זיך דעם שטורמישן ברויז.

נויעך לוריע האָט דאן באַרירט אויך אן אנדער מאָמענט. „דער ניסטער, — האָט ער געזאָגט, — אָט דער אייביקער פאנטאסט און טרוימער, איז דאָך מיט אלע זײַנע כושים גאנץ טיף אײַנגעוואָרצלט אין דער ערד, אין פּאָשעטן, רעאלן לעבן, מיט אלץ און אלעם האָט ער זיך אינטערעסירט, אָנהייבנדיק פון ליטעראטור, קונסט, מוזיק, טעכניק, אלערליי וויסנשאפטלעכע איניאָנים, ביז פארשיידענע פאסירונגען, צופאלן און אײַנצלהײַטן פונעם וואָכעדיקן טאָגטעגלעכן לעבן־שטייגער".

און אויך די דאָזיקע אָנמערקונג לוריעס איז זייער א ריכטיקע. העלענע סיגאלאָווע, ניסטערס פרוי, דערציילט, אז דאָס לעצטע בוך, וואָס דער ניסטער האָט געלייענט אין 1948

ן געווען א בוך וועגן דער רוסישער מאסאַנסטווע. אָט דאָס איז ניסטערס דיִאַפּאַזאָן: פון דער
יִדישער און וועלט־קלאַסיק ביז ליטעראַטור וועגן... דער מאסאָן־לאָזשע.

דער קיִעווער יִדישער דיכטער און ליטעראַטור־פאָרשער אווראָם וועלעדניצקי האָט מיר
זאָגט: „ניסטער, אָט דער גרויסער ראָמאַנטיקער, איז קיינמאָל ניט געווען סענטימענטאַל.
ר האָט ניט געהאַלטן פון צעשרויפטער היסטעריִעס. ניסטער האָט רעאַל אָפּגעשאַצט יעדע
רשײַנונג. ער איז געווען זייער באַאָבאַכטעריש, געהאַט א ניכטער, שאַרף אויג, א ליכטיקן
ײַעך און א קריטישן סייכל. צו יעדער זאַך, צו יעדער דערשײַנונג אין לעבן, ווי אויך צו דער
יגענער שאַפונג, האָט ער געהאַט זײַן באַזונדערן צוגאַנג. ער איז געווען קעגן שאַבלאָן, קעגן
ן פרימיטיוו אין געדאַנק און אין טאַט...“

מיט א צײַט צוריק האָב איך באַ א געלעגנהײַט געבעטן דעם באַוווּסטן אוקראַיִנישן שרײַבער
רי סמאָליטש, ער זאָל מיר דערציילן וועגן זײַן פרײַנטשאַפט מיט דעם ניסטער. סמאָליטש
האָט מיר געענטפערט, אַז איך צווייטן באַנד פון זײַנע מעמואַרן, וועלכן ער האָט אָפּגעגעבן
ין דרוק, איז פאַראַן א ספּעציִעל קאַפּיטל, געווידמעט ניסטערן, און אַז ער וועט דאָס דאָזיקע
אַפּיטל מיר צושיקן אין מאַנוסקריפּט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז אַן ערנסטע
עמואַריסטישע אַרבעט, פון וועלכער איך ברענג מיט דער אײַנשטימיקײַט פונעם אוטאָר א
אָר אויסצוגן.

סמאָליטש דערציילט וועגן זײַנע באַגעגענישן מיט דעם ניסטער און וועגן זייערע געשפּרעכן
ף פאַרשיידענע טעמעס. „איך בין אָפט אַרײַנגעגאַנגען צו אים אָפּדערנאַכט, ס'האָט מיך גע־
ויגן צו דעם דאָזיקן אײדעלן, גוטמוטיקן און פולן מיט כאָכמע, שיינעם מענטשן“. אין אַן
נדער אָרט שרײַבט סמאָליטש: „איך האָב ליב באַקומען אָט דעם ווונדערלעכן מענטשן“, אָדער:
עפּעס נעוויִשעס איז געווען אין זײַן אויסזען“ אאַוו.

סמאָליטש שטרײַכט אונטער, אַז מיט אַזא דערעכערעץ האָבן זיך באַצויגן צו ניסטערן אויך
נדערע אוקראַיִנישע שרײַבער — זײַנע פרײַנט — יורי יאַנאָווסקי, קאָפּילענקאָ, מאַיק יאָאַנסאָן
א. אויסהערנדיק ניסטערס א זאַך, איבערגעזעצט אַף אוקראַיִניש, האָט מאַיק יאָאַנסאָן אויסגע־
ריגן: „וואָס פאַר א ריזיקער טאַלאַנט דאָס איז!“

די אַלע באַגעגענישן, שמועסן און געשפּרעכן, וועגן וועלכע סמאָליטש דערציילט אין זײַנע
כרוינעס, זײַנען פאָרגעקומען אין די דרײַסיקער יאָרן, ווען ניסטער און זײַנע אוקראַיִנישע
אָלעגן האָבן געלעבט אין שכיינעס, אין דער שטאָט כאַרקאָוו, אין דאָרטיקן שרײַבער־הויז.

דאָס לעצטע מאָל איז סמאָליטש געקומען צו ניסטערן, ווען יענער האָט שוין געווינט אין
אָסקווע, אַף קליין־בראָנע, 2.

„דעם ניסטער, — שרײַבט סמאָליטש, — האָב איך געפונען אין דער גאַסעט־געבײַדע,
וו ער האָט געהאַט זײַן מאָקעם־מענוכע אין א קליין צימערל. דער שרײַבער האָט זיך דעמלט
געפונען אין א שווערן גײַסטיקן צושטאַנד. ער האָט זייער איבערגעלעבט די שרעקלעכע טראַ־
עדיע פונעם יִדישן פאָלק אין די אָקופּירטע געגנטן, ווי אויך די קאַטאַסטראָפע מיטן מענטשן
ופע, מיטן ציוויליזירטן מענטשן, וואָס האָט געקענט אין א ווילדער כײַע פאַרוואַנדלט ווערן,
וי דאָס האָט אין דער טאַט באַוויזן דער פאַשיזם.

— סמאָליטש, — האָט דער ניסטער אויסגעשריִען, — זאָגט מיר, אַז איך שלאָף, זאָגט
יר, אַז ס'איז נאָר א בייזער כאָלעם, און וועקט מיך אויף! וועקט מיך! אַזוינס קאָן דאָך ניט זײַן.
ענטשן זײַנען דערוף ניט מעסוגל, און פונדעסטוועגן... ס'איז דאָ. און אויב אַזעלעכס איז פאַר
ונדזערע אויגן פאָרגעקומען, קאָן עס דאָך זיך איבערכאַזערן!“

זײַן קאַפּיטל „דער ניסטער“ פאַרענדיקט יורי סמאָליטש אַזוי: „דאָס איז געווען א פילאָסאָף
און א כאָכעם, א טרויעריקער פילאָסאָף און א גוטמוטיקער כאָכעם. קויעך האָט אים געקלעקט
אַף צו לעבן בלויז צווישן גוטס און צווישן גוטמוטיקע מענטשן“.

■

און איצט וועגן אַן אַנדער איניען. מע האָט אַמאָל געהאַט פאַרפירט א געשפּרעך מיט
ניסטערן וועגן איבערזעצן זײַנס א ווערק אַף רוסיש, איידער ס'איז נאָך דערשינען אין א בוך־
פאָרם אַף יִדיש.

דער ניסטער האָט אַף אַזא מין פאָרשלאָג רעאַגירט אַזוי:

— מיך פרייט אוואַדע דער פאַרלאַנג, מ'זאָל איבערזעצן מײַנע ווערק אַף דער אומגעהייער
רײַכער רוסישער שפּראַך. איך האַלט עס פאַר א גרויסן קאָווֹעד פאַר זיך. איך וויל אָבער, אַז
מע זאָל די ווערק מײַנע איבערזעצן נאָכדעם, ווי זיי וועלן פאַרעפנטלעכט ווערן אַף דער שפּראַך,
אַף וועלכער זיי זײַנען געבוירן, דורכגעפילט און אויסגעווייטעקט געוואָרן, און נאָר דאַן, ווען

דער לייענער, די קריטיק וועט געפינען מײַן שאפונג פאר ראָע פאָרגעשטעלט צו ווערן פאר בריטן רוסישן לייענער, וועל איך זיך פילן גליקלעך. אָבער איבערזעצן מיך פונעם קסאוויאד — דערוף בין איך ניט מאסקים.

דער ניסטער האָט נאָך צוגעגעבן:

— איך שרײַב אף ייִדיש ניט דערפאר, וואָס איך קאָן ניט שרײַבן אף קיין אנדערער, מער פארשפרייטער שפראך, נאָר ווײַל עס איז ניטאָ נאָך אזא מענטש, מיט וועלכן מ׳קען אופריכטיק, ערלעך און עמעסדיק זײַן, ווי מיט דער מוטער, וואָס האָט דיך געבוירן. און ווּאָס פאר א זין קאָן האָבן מײַן גאנצע ארבעט, אויב איך וועל האלטן, אז ס׳איז א סאָף צו דער שפראך פון מײַן פאָלק? איך בין פון אייביק אָן אן אָפּטימיסט. איך גלייב אין דעם קיום פון אונדזער פאָלק און פון זײַן שפראך.

יאָ, אזוי איז דאָס שוין. מע דארף באשטימט צוגעבן, אז אינעם אָפּשאצן דעם ניסטער, א פערזענלעכקײַט, פארנעמט א באזונדער אָרט זײַן אכרײַעספולע באציִונג צו די פראגן פון גורל פון ייִדישן פאָלק. דערמיט טאקע, זעט אויס, דערקלערט זיך טיילווײַז די סיבע דער וואָס דער ניסטער האָט קריטיש זיך באצויגן צו די מאסקילים.

די מאסקילים, די דאָזיקע ייִדישע אופקלערער, האָבן געשטרעבט צו וועלטלעכקײַט, צו ציוויליזאציע, האָבן זיי דערווײַל אויסגעגאָסן, ווי מע זאָגט, די אומריינע וואסער צוזאמען מיט קינד.

עמעס איז, אז די קאוואָנע בא זיי איז געווים געווען א גוטע. געטרײַ און געוויסנהאפט, גרויס פלײַס און דערפאָלג האָבן זיי, באזונדערס די רישוינים פון זיי, אָפּגעטאָן א נייטיק אופקלער־ארבעט. אָבער דאָס אלץ איז געווען איינזײַטיק. בייגנדיק דעם קאָפּ פאר דער אויסער לעכער וועלט, בוקנדיק זיך צום עגל האייראָפּע, האָבן אייניקע פון זיי דערווײַל זיך אינגאנצן אָפּגעריסן פונעם אייגענעם פאָלק און פון זײַן דאָר־דוירעסדיקער קולטור.

שרײַבט דאָך י.־ל. פּערעץ וועגן דער האסקאָלע:

„מע באשולדיקט זי: ניט צוגעפירט וואסער און זאלצן צו די וואָרצלען, ניט לופט און ליכט צו די צווײַגן, נאָר אראָפּגעריסן צווײַגן און ארײַנגעזעצט אין פרעמדע שטאמען" (י.־ל. פּערעץ, „מײַנע זיכרוינעס").

אָט די נעגירנדיקע טענדענצן בא די מאסקילים זײַנען לאכלוטן פרעמד געווען דעם ניסטער.

ניסטערס שטארקער נאציִאָנאלער באוווסטזײַן האָט קיין שום שײַכעס ניט מיט דעם באגרענעצטן נאציִאָנאליזם. דער ניסטער איז אלע זײַנע יאָרן געווען געשטימט טיף אינטערנאציִאָנאל, ער איז דערצויגן און אויסגעוואקסן געוואָרן ניט נאָר אף די ווערטן פון דער ייִדישער, נאָר אויך רוסישער און אלוועלטלעכער ליטעראטור און קולטור.

עס איז א פאקט, אז דער ניסטער — דער אייגנארטיקער און טיפער ייִדישער נאציִאָנאלער שרײַבער און דענקער, וועלכער האָט זײַן שאפונגס־יעניקע קוידעמקאָל געשעפּט פון די נאציִאָנאלע פאָלקס־קוואלן און וועלכער איז אליין געווען אן אומויסשעפּלעכער אויצער פון ייִדישן פאָלקלאָר, — ער איז אין טאָך, אין דעם גרעסטן טייל פון זײַן קינסטלערישן שאפן, סײַ אין זײַן דיכטונג פון אמאָל, סײַ אין זײַנע סימבאָליש־פאנטאסטישע מײַסעס, אוניווערסאל אין פּערזין פון וואָרט, אינגאנצן פרײַ פון שמאָלע נאציִאָנאלע ראמען.

דער פּאָן, די סוויווע אין זײַנע פריִע ווערק — דאָס איז מידבער, סטעפּ, וועלדער, פעלדער, בערג, טאָלן, קעלערס, כורוועס, פאלאצן, היילן, שטיבלעך; די העלדן — דער וועלט־טרעגער, דער נאכט־שלעפער, דער באַל־כאלוימעס, דער שטערנזעער, דער הייליקער, דער זאָקן, דער גייערס, דער ריז, דער וואָלקן־מענטש און סטאם מענטשן — אלץ איז אוניווערסאל, אלמענטשלעך און אלוועלטלעך.

ניסטערס גרויסע ליבע צו זײַן פאָלק האָט זיך נאטירלעך צונויפגעלעבט און אָרגאניש אײַנגעוועבט אין זײַן אוניווערסאלן און אינטערנאציִאָנאלן באוווסטזײַן, אין זײַן ביז גאָר הייכן עמאָציִאָנעלן און געדאנקלעכן הומאניזם.

דער ניסטער איז אין אלץ געווען פּילזײַטיק, פילקאנטיק און זייער קאָמפּליצירט. אזוי איז, ווי באוווסט, שטענדיק די מידע פון א גרויסער פערזענלעכקײַט.

אין 1963 האָב איך אין מאָסקווע אין „וועטעאָ" (אלפארבאנדישע געזעלשאפט פון טעאטראלער טוער) זיך באגעגנט מיט אלעקסאנדרא וואסיליעוונא סמירנאָווא, א לענינגראדער רעזשיסער, און מיט איר שוועסטער, דער אָנגעזעענער רוסישער ליטעראטור־פאָרשערן ווערא סמירנאָווא. אלעקסאנדרא וואסיליעוונא האָט מיר דערציילט: אין די צוואנציקער יאָרן האָבן זיי

ווינט אין קיִעוו. אומגעפּער אין 1920 — 1921 פֿלעגט דער ניסטער אַרײַנגײן צו זיי אין שטוב. אין אדהײַעם געדענקט זי דעם שטאַרקן אײַנדרוק, וואָס דער ניסטער האָט דאַן געמאַכט: א הויך קולטורעלער, אויסערסט ערלעכער און נעשאָמע־רײנער מענטש. דער כאַראַקטער זײַנער, ווי זיי האָבן אים דאַן אופגענומען, איז געווען אַן אופבראויזערישער, דער טעמפּעראַמענט א גרוויישער, אַן עמפּינדלעך־פּילבאַרער («какой-то уязвимый»), — האָט זי צוגעגעבן.

אין 1932 האָט דער ניסטער זיך באַגעגנט אין לענינגראַד מיט אַלעקסאַנדראַ וואַסיליעוונעס מאַן — אַלעקסיי מאַקסימאָוויטש סמירנאָוו, אַן אַרכיטעקטאָר. האָט יענער עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד, ווי אַן עמעסער גיד, אַרומגעפֿירט ניסטערן איבער לענינגראַד, באַוויזן אים די דענקמעלער און מערקווירדיקײַטן פֿון דער שטאָט. אַלעקסיי מאַקסימאָוויטש האָט געהאַלטן אין איין נידעשן זיך דערוף, וויאַזוי דין און טיף דער ניסטער האָט געפֿילט און אָפּגעשאַצט אַרכיטעקטור. ער האָט באַוויזן ניסטערן ניט נאָר די געוויינלעכע ערטער, וועלכע מע באַווײַזט שטענדיק טוריסטן. ער האָט אים אַרומגעפֿירט אויך איבער אַזעלכע מעקוימעס פֿון דער שטאָט, וועלכע מע פֿלעגט אַמאָל אָנרופֿן „האָלאַנד“. האָט סמירנאָוו זיך ניט געקענט אָנריידן און באַוווּנדערן, וויאַזוי דער ניסטער האָט אַלץ אַזוי שאַרף, אַף אַ מין באַזונדערן אויפֿן, אופגענומען, אַרײַנגעקוקט אין אַלע פּאַרוואָרפֿענע ווינקעלעך, אין אַלץ אַרײַנגעדרונגען.

אַלעקסיי מאַקסימאָוויטש האָט זיך אַליין מוידע געווען, — דערציילט אַלעקסאַנדראַ וואַסיליעוונאַ, — אַז נאָך ניסטערס אייניקע רעפּליקעס און באַמערקונגען האָט ער, דער קוואַליפֿיצירטער אַרכיטעקטאָר און אויסגעצייכנטער קענער פֿון דער שטאָט, אָנגעהויבן מיט נײַע אויגן אופנעמען די גוט באַקאַנטע ערטער אין לענינגראַד.

אינעם בוך „דרײַ הויפּטשטעט“ (זײַטן 61 — 72) שילדערט דער ניסטער מײַסטערהאַפֿט זײַן אַרומגיין מיט סמירנאָוון איבער לענינגראַד. אַלעקסיי מאַקסימאָוויטשן כאַראַקטעריזירט ער דאָרט אַלס אַ געבוירענעם, ווי מע זאָגט, מיבעטען אומיליידע, „אַן אַרטיסטישע נעשאָמע“.

ס'איז מאַמעש געווען אַ כיִעס צו הערן, מיט וואָס פֿאַר אַ פּיִעטעט און פּאַטאָס אַלעקסאַנדראַ וואַסיליעוונאַ און ווערא וואַסיליעוונאַ האָבן גערעדט וועגן ניסטערן. פֿון אַלץ, וואָס זיי האָבן דערציילט, האָט געאָטעמט מיט אַזאַ באַהאַרצטער נעשאָמע־וואַרעמקײַט און מיט אַזאַ צאַפּלדיקער פֿרישקײַט, גלײַך ווי די באַגעגענישן וואָלטן פֿאָרגעקומען נאָרוואָס.

אָט אַזוי האָט זיך אין די מויכעס און הערצער פֿון דער נאָבעלער און גײַסטרײַכער סמירנאָוו־מישפּאָכע טיף אײַנגעקריצט און אַף צענדליקער יאָרן זיך פֿאַרהיט דאָס באַכיינטע ניסטער־געשטאַלט.

■

יאַנקעוו שטערנבערג זאָגט:

— פֿון דעם ניסטער ווייעט מיט פּערזענלעכקײַט. דער ניסטער, וואָס האָט אַזוי שטאַרק געהאַלטן פֿון דידראָס אַ קלאַל, אַז „געלעבט האָט גוט דער, וועלכער האָט געקענט גוט באַהאַלטן זיך אין זיך“, האָט דאָך ניט געקענט אינגאַנצן אויסבאַהאַלטן זײַנע מײַלעס פֿון אַ זײַטיק אויג. און דעריבער איז ער פֿאַר אַלע, וואָס האָבן זיך מיט אים געטראָפֿן, פֿאָרט אַנטפּלעקט געוואָרן מיט זײַנע גײַסטיק־מאָראַלישע אייגנשאַפֿטן. מיר האָבן זײַן אַרויסגעשטראַלטע פּערזענלעכקײַט געזען בעכוש, זי געבענטשט און שטענדיק פֿון איר האַנאָע געהאַט...

שטערנבערג האָט מיר דערציילט, אַז אינעם ברייטן אַרײַנפֿיר־וואָרט צו דער צווייבענדיקער אויסגאַבע פֿון עליִעזער שטיינבאַרגס מעשאָלים (טעל־אוויוו) האָט דער באַוווּסטער ליטעראַטור־פֿאָרשער פּראָפֿ. סאַדאַן צווישן אַנדערן מיטגעטיילט, אַז ה. לייוויק האָט געהאַט אויסגעדריקט זיך, אַז ער שטעלט עליִעזער שטיינבאַרגן לעבן מענדעלען, שאָלעם־אַלייכעמען און דעם ניסטער.

דעם ניסטערס עפּיסטאָליאַרישע יערושע איז זייער אַ קנאַפּע. בײַ הײַנטיקן טאָג האָבן מיר אין אונדזער רעשוס צוויי קאַרטלעך און אַ בריוו צו איציק קיפּניסן, אַ בריוו צו נאָכעם אויסלענדערן, אַ בריוו צו דאָוויד בערגעלסאָנען[1] און אַ בריוו צום ברודער אין פּאַריזש, דעם קינסטלער מאָטל קאַהאַנאָוויטש[2].

---

[1] פֿאַרעפֿנטלעכט אינעם בוך: „דער ניסטער. דערציילונגען און עסייען“. „איקוף“־פֿאַרלאַג, ניו־יאָרק, 1957, זז. 290—296.

[2] אַן אויסצוג פֿון דעם בריוו איז פֿאַרעפֿנטלעכט אין „סאָוועטיש היימלאַנד“, נומ. 6, 1964, ז. 142.

אָבער אויך די דאָזיקע קליינע צאָל בריוו זאָגן זייער א סאך וועגן דעם ניסטערס כאראקטער־שטריכן.

אָט איז א קאַרטל ניסטערס פון מײַ 1946, וואָס הייבט זיך אָן אזוי:

„ליבער קיפּניס, פאר אלעמען מאזלטאָוו מיטן ניצאָכן! צווייטנס, אײַך א פּערזענלעכן מאזלטאָוו, וואָס איר זײַט ארויס מיט א בוך („אונטערוועגנס“. — י. ל.) און מיט א גוטן, ווי מע זאָגט.

...דעריקער — איר זענט דאָ, און אזא זאָלט איר אלעמאָל זײַן: שרײַבן פון דעם, וואָס איז אײַך אמנאָענטסטן, ווו איר פילט זיך אין דער היים און קאָנט ארומגיין אין הוילע ארבל...“

אין א צווייט קאַרטל פון יאנוואר 1946 יאָר שרײַבט ער קיפּניסן:

„...וואָלט איך אײַך פאר אלעמען געמוסערט, פארוואָס איר זײַט קיוועש עס האָנעט, פארוואָס זעט מען אײַך ניט פאר אזא צײַט. איר זענט א וואונדערלעכער באל־יעכוילעס, מיט אזא שעפע אין די פינגער, איז ווו איז זי? דעריקער קוקט ניט אין די זײַטן, טוט נאָר, וואָס אײַך גלוסט זיך טאָן, אָבער בישליימעס. רעדט מיטן פולן מויל“...

א דריטן מאָל לייענען מיר אין א גרויסן בריוו ניסטערס צו קיפּניסן, צווישן איבעריקע, אָט אזעלכע ווערטער:

„ניט איין מאָל האָב איך אין בירעבידזשאן גערעדט מיט סלוצקין (בער סלוצקי. — י. ל.) וועגן אײַך. צו אלע אײַערע מײַלעס־טויוועס, צו אײַער טאלאנט וואָלט איר נאָך באדארפט האָבן א פּראקטישן מענטשן בא דער זײַט, א באל־יויעץ, און זאָלט גאָרניט ניט טאָן, אפריער זיך ניט אָנפרעגנדיק...“

פילט זיך דען ניט אין אָט די בריוו א בעעמעס פאָטערלעכע זאָרג און אומרו פאר א שרײַבער א מיטצײַטלער? אי געפרייט זיך מיט יענעמס דערפאָלג, אי געמוסערט, אי געצייצעט און דאָך, בא זײַן גאנצער ליבע צו קיפּניסן, שאנעוועט אים פונדעסטוועגן ניט דער ניסטער ער וואָרנט אים: „איר שרײַבט צו גרינג. מ׳קען שלאָפן, און די פען זאָל נאָך גיין אין האנט“...

און אָט איז דעם ניסטערס א בריוו פון אָדעס קיין קיִעוו צו נאָכעם אויסלענדערן (1928 יאָר). דאָ גייט א רייד ניט וועגן שרײַבער און זייערע ווערק, נאָר וועגן יונגע געלערנטע — יידישע געשיכטע־פאָרשער.

דער בריוו הייבט זיך אָן אזוי:

„ליבער ניוקע, צו אײַך אָן איניען: דאָ זײַנען פאראַן א גרופּע יונג־געלערנטע, וואָס טוען און באַברען זיך אין אָדעסער ארכיוון. איינער פון זיי, באשעוויס, האָט פאַרטיק אָנגעשריבן אַן ארטיקל „דאָס עקאָנאָמישע לעבן פון יידן אין אָדעס אין די 70—80־קער יאָרן...“ א צווייטער א. לאנדוי ארבעט אף א זאך: „יידיש־גריכישע באַציִונגען אין אָדעס אין ערשטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט“. ס׳איז נאָך פאראַנען א ייד סטריזשאק מיט מעלאָכע...“

און ווײַטער:

„...כאָטש געשיכטע איז ניט אײַער ספּעציאַליטעט, פאַך, ניוקע, אויב איר ווילט, שרײַבט מיר אָן, און איך וועל זיי אײַער בריוו באווײַזן. זאָלן זיי הערן, אז ס׳איז דאָ א ביסל וואָרעמקייט אויך פאר זיי. און איר זענט דאָך ביכלאל א ייד א מיטפילנדיקער, א שטיק העלפער און מעצענאט (א גײַסטיקער, פארשטייט זיך). טאָ וואָרט זשע ניט אף סלוצקין, און אײַער וואָרט וועט זיי שטאַרקן“. און ניסטער פאַרענדיקט, נאָך א ריי אַנדערע איניאָנים, ווידער מיט דעם זעלבן:

„זײַט געזונט, און טוט, וואָס איך האָב אײַך געבעטן, וועגן די יונגעלײַט“.

די הארציקײַט אויך פון דעם דאָזיקן בריוו איז בעעמעס רירנדיק. ניסטער בעט זיך מאַכן ראכמים פאר די דאָזיקע „יונגע געלערנטע“, פאר מענטשן, וואָס זײַנען אין טאָך גאָר ווײַט פון זײַן שאפונגס־וועלט.

וועגן דעם באוווסטן בריוו ניסטערס צו דאָוויד בערגעלסאָנען לעקאָוועד זײַן 30־יאָריקן שאפונגס־יויוול קאָן דאָ נאָר אינקורצן אונטערגעשטראָכן ווערן, אז דאָס איז א זעלבשטענדיק ווערק פון אזא הויכער קינסטלערישער מאדרייגע, אז עס דארף באזונדער, ערנסט און טיף באהאנדלט ווערן. דאָ ווילט זיך נאָר אָנמערקן, אז אין אָט דעם בריוו איז אײַנגעשלאָסן, פאר כאסמעט דאָס גאנצע ניסטער־וועזן: דער גרויסער קינסטלער, דער טיפער דענקער, דער מענטש מיט זײַן אכרײַעס־געפיל פאר דער שרײַבערישער „מעלאָכע“ און פאר זײַן פאָלק. א מין קוילעל־האקויל־בריוו.

■

און אָט איז א גוויִעס־איידעס פון אייניקע שרײַבער וועגן דעם, וויִאזוי דער ניסטער האָט זיי געמוטיקט און געשטארקט אין זייער לעבן און שאפונג.

דער דיכטער מוישע כאַשטשעוואַצקי, וואָס איז פרײַוויליק אוועק און צוזאַמען מיט זײַן ון אומגעקומען אַף די פראָנטן פון דער גרויסער פאַטערלענדישער מילכאָמע, האָט אין 1940 יאָר אָנגעשריבן אַזאַ סאָנעט:

## דער ניסטער

ס׳איז לאַנג דערין, כ׳געדענק שוין באַלד ניט ווען —
באַ מײַנע ערשטע יוגנטלעכע פרוּוון,
איז אײַער וואָרט דאָס נאָענטסטע געווען,
וואָס האָט זיך אין מײַן האַרצן אָפּגערופן.

עס איז דערנאָך א סאַך, א סאַך געשען,
ניט ציילן די סיגופים און צערופים,
נאָר אַלעמאָל כ׳האָב אײַך אין גאַנג געזען,
צו נײַער הייך, צו נײַע באַרג־אַרופן.

דער גאַנג אַרוף איז שטענדיק שווער און האַרט,
נאָר איר האָט קיין אַקשאָנעס ניט געקאַרגט
און זיך ניט אָפּגענייגט פון וועג פון שווערן.

טאָ זײַט באַגריסט און זײַט געזונט און שטאַרק
אַף צו דערגרייכן ביזן שפּיץ פון באַרג
און פון א ניסטער אויך א ניגלע ווערן.

(געווען פאַרעפנטלעכט אין זשורנאַל „ייִדישע קולטור״,
ניו־יאָרק, פעווראַל — מאַרט 1941).

דער שוין דערמאָנטער שרײַבער אַווראָם וועלעדניצקי האָט דערציילט: „דער ניסטער האָט מיך געהאַט באַגעגנט אין גאַס אין קיִעוו, מיך אַרומגענומען, באַגיטיקט מײַנע וואַרעמע אַרטיקלען וועגן עלי שעכטמאַנען. די ערשטע ווערטער זײַנע זײַנען געווען: איך האָב געלייענט אײַערע אַרטיקלען וועגן עלי שעכטמאַנען. מיר זײַנען זיי צום האַרצן. שרײַבט. שרײַבט אַזוי״.

ניסטערס פּרינציפּיעלקײַט איז געווען פון אַזאַ גראַד, אַז אויב עס האָט געטראָפן אַזעלעכס, אַז עמעצער, אַפילע פון זײַנע ליבלינגען, האָט אַפילע ניט ווילנדיק אָנגערירט און פאַרשוועכט איינעם פון זײַנע איקרים, פון זײַנע אַני־מײַמינס, האָט דער באַשיידענער, צאַרט־ווייכער און שטילער ניסטער געקענט אָנהייבן ווי א לייב ברומען, קאַעסן און רוגזענען זיך, און דערגיין ביז אין טיש צו קלאַפּן. קיין פאַלשן, נידערטרעכטיקן מענטשן איז ער ניט סויוול געווען. ער האָט אים פיזיש פאַרטראָגן ניט געקענט. און אויב איינער פון די מענוּוואָלים איז צופעליק אַרײַנגעפאַלן צו אים אין שטוב, האָט ער גלײַך אָן לאַנגע שיִעס אים געקענט אָנווײַזן אַף דער טיר. בּיכלאַל אָבער האָט דער ניסטער פאַרמאָגט זייער א ווייך האַרץ, א וואַרעם געפיל און מיטגעפיל צו מענטשן, באַזונדערס ווען עמעצער האָט זיך געפונען אין א נויט. מישטאַדל זײַן זיך, דערשלאָגן זיך מאַטעריעלע אָדער אַנדערע הילף פאַר א נויטבאַדערפטיקן, אָדער מײַלנווײַט גיין, קעדיי א גוטע בסורע יענעם אָנזאָגן, — אַף אַזעלעכס האָט ער ניט געשאַנעוועט ניט קיין צײַט, ניט קיין מי.

אין דעם ניסטערס לעבנס־געשיכטע איז ניטאָ קיין באַזונדערע העראָיִשע מאָמענטן, קיין אויסערלעכע בּיִאָגראַפישע אויסטערלישקײַטן. ער האָט אָבער געהאַט אַן אינערלעך רײַכע בּיִאָגראַפיע. אָפט איז ער אויסגעשטאַנען שווערע ניסיוינעס און קיינמאָל ניט פאַרלאָרן דעם מוט, שטענדיק שעפעריש מונטער געווען און פול מיט גלויבן אינעם הײַנט און אין א בעסערן און ליכטיקערן מאָרגן.